פערציק יאָר זענען דערפילט געוואָרן, האָט זיך
אַ מלאך באַוויזן צו אים אין דער מדבר ביים באַרג
31 סיני אין אַ פלאַם פייער פון דעם סנה. און
זעענדיק עס, האָט משה זיך געוואונדערט איבער
דער דערשיינונג; און בשעת ער איז צוגעגאַנגען,
זי צו באַטראַכטן, איז געקומען דאָס קול פונם האַר
32 (ג־ט): איך בין דער ג־ט פון דיינע אבות, דער ג־ט
פון אברהם, און דער ג־ט פון יצחק, און דער ג־ט
פון יעקב. און משה האָט געציטערט און זיך נישט
33 אונטערגעשטעלט צו קוקן. און דער האַר האָט צו
אים געזאָגט: נעם אַראָפּ די שיך פון דיינע פיס,
וואָרום דאָס אָרט, אויף וועלכן דו שטייסט, איז
34 הייליקע ערד. זעען האָב איך געזען דאָס ליידן פון
מיין פאָלק, וועלכעס איז אין מצרים, און האָב
געהערט זייער זיפצן, און בין אַראָפּגענידערט זיי
אויסצולייזן; און איצט קום; איך וועל דיך שיקן
35 קיין מצרים. דעם דאָזיקן משה, וועמען זיי האָבן
פאַרלייקנט, זאָגנדיק: ווער האָט דיך געשטעלט פאַר
אַ שר און אַ שופט? אים האָט ג־ט געשיקט ווי
אַ שר און גואל, דורך דער האַנט פון דעם מלאך,
36 וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים אין דעם סנה. ער
האָט זיי אַרויסגעפירט, טוענדיק אותות און
מופתים אינעם לאַנד מצרים און אינעם ים־סוף און
37 אין דער מדבר פערציק יאָר לאַנג. דאָס איז דער
משה, וועלכער האָט געזאָגט צו די קינדער ישראל:
אַ נביא וועט דער האַר אייער ג־ט אייך אויפ־
שטעלן פון אייערע ברידער, גלייך צו מיר; אים
38 זאָלט איר הערן. (דברים יח, טו.) ער איז עס, וואָס
איז געווען אין דער עדה אין דער מדבר מיט דעם
מלאך, וועלכער האָט גערעדט צו אים אויפן באַרג
סיני, און מיט אונזערע עלטערן; ער האָט באַקומען